# עקב ד

א. אין פסוק[1] „ונתתי מטר ארצכם בעתו גו'" — שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „ונתתי מטר ארצכם", און איז מפרש[2]: עשיתם מה שעליכם אף אני אעשה מה שעלי.

איז ניט מובן[3]: וואס איז דאָ שווער אין פשט הכתוב וואס ווערט פאַרענטפערט מיטן פירוש „עשיתם מה שעליכם כו'"; בפרט אַז לכאורה איז רש"י דערמיט גאָרניט מחדש אויפן איינפאַכן אפטייטש פון פסוק?

דער ראַ"ם פאַרענטפערט, אַז רש"י איז אויסן צו באַווארענען דאָס וואָס אין דער פרשה ווערן אויסגערעכנט אַ סך פרטים אין דער ברכה פון „ונתתי מטר ארצכם" — „יורה ומלקוש ואספת דגנך גו' ונתתי עשב גו' ואכלת ושבעת" [ניט ווי אין פ' בחקותי[4], וואו עס שטייט בלויז „ונתתי גשמיכם בעתם"]; אויף דעם זאָגט רש"י, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס „עשיתם מה שעליכם": איר האָט געטאָן דאָס וואָס ס'ליגט אויף אייך — ד.ה. אַלץ וואָס איר דאַרפט טאָן — דעריבער „אף אני אעשה מה שעלי", וועל איך טאָן אַלץ וואָס ליגט אויף מיר, „עד שלא ישאר שום טובה שלא אעשה אותה לכם".

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו איינ־לערנען אין פירוש רש"י — ווייל:

א) רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער „ונתתי מטר ארצכם" (און איז אפילו ניט מוסיף „וגו'"), ד.ה. אַז דער הכרח צו זיין פירוש איז פון די ווערטער — און לויטן פירוש פון ראַ"ם איז דער הכרח נאָר פון די ווייטערדיקע ווערטער (אין פסוק); ואדרבה: אין די ווערטער — „ונתתי מטר ארצכם" — גלייכן זיך אויס די פסוקים פון פ' בחקותי און פון אונזער פרשה.

ב) לויט פרש"י זיינען די ברכות אין פ' בחקותי גרעסער ווי די פון אונזער פרשה[5], ווי רש"י טייטשט דאָרט[4]: „ועץ השדה, הן אילני סרק ועתידין לעשות פירות"[6] — ד.ה. אַ ברכה אויך אין אַן אופן פון למעלה מדרך הטבע, וואָס דאָס איז אינגאַנצן אַ העכערער סוג ברכה ווי די פון אונזער פרשה.

ב. פאַרגלייכנדיק דעם המשך פון די צוויי פסוקים זעט מען כו"כ שינוים בפרש"י: דאָ שטעלט זיך רש"י אויפן וואָרט „בעתו", און איז מפרש: בלילות[7] שלא יטריחו אתכם. ד"א בעתו בלילי שבתות[8] שהכל מצויין בבתיהם,

אויפן „בעתם" אין פ' בחקותי („ונתתי גשמיכם בעתם") טייטשט רש"י[9]: בשעה

---

1) פרשתנו יא, יד.

2) מספרי פרשתנו פ' מא בסופו.

3) גם אינו מובן: למה מעתיק רש"י מן הכתוב גם התיבות „מטר ארצכם", דלכאורה לא הו"ל להעתיק כ"א תיבת „ונתתי" (ולכל היותר לכתוב „ונתתי וגו'").

4) בתחילתה — כו, ד.

5) להעיר גם מגו"א כאן.

6) ראה גם פרש"י בחקותי (שם, ה) „אוכל קימעא והוא מתברך במעיו". וראה לקמן הערה 14.

7) ראה ויק"ר (פל"ה, י) בפי' „ונתתי גשמיכם בעתם" (דפ' בחקותי). תו"כ עה"פ. וראה לקמן הערה 11.

8) ספרי עה"פ („מלילי שבת ללילי שבת").

9) ע"פ תו"כ עה"פ. ויק"ר שם.

שאין דרך בני אדם לצאת כגון בלילי שבתות[10].

דארף מען פארשטיין:

א) פארוואס אין פ׳ בחקותי באגנוגנט זיך רש״י מיטן פירוש „כגון בלילי שבתות״ און אין אונזער פרשה זאגט ער דערויף (אויסער דעם פירוש פון „בלילי שבתות״) נאך א פירוש[11] ?

ב) נאכמער: דעם פירוש „בלילי שבתות״ דא זאגט רש״י אלס צווייטער פירוש, ד.ה. ניט ווי א פירוש העיקרי אין פשוטו של מקרא — און דער פירוש ראשון ועיקרי איז, אז „בעתו״ מיינט סתם בלילות — בהיפך ווי אין פ׳ בחקותי, וואו דער פירוש פון „בעתם״ איז דוקא און נאר — „בלילי שבתות״.

ג) אין פ׳ בחקותי זאגט רש״י פריער דעם תוכן — „בשעה שאין דרך בני אדם לצאת״, און דערנאך דעם געגויעם זמן — „כגון בלילי שבתות״; דאקעגן אין אונזער פרשה זאגט רש״י אין א פארקערטן סדר: פריער „בלילי שבתות״, און דערנאך „שהכל מצויין בבתיהם״[12].

ד) אין פ׳ בחקותי זאגט רש״י דעם צד השלילה — „(בשעה) שאין דרך בנ״א לצאת״, און דא — דעם צד החיוב: שהכל מצויין בבתיהם.

ה) אין פ׳ בחקותי — „בני אדם״, און דא — „שהכל״.

ו) איידער רש״י זאגט דא דעם צווייטן פירוש „בלילי שבתות״, איז ער נאכאמאל מעתיק פון פסוק דעם ווארט „בעתו״ („ד״א בעתו בלילי שבתות כו׳״).

ג. דער ביאור בכל זה:

די נקודת החילוק צווישן דער ברכה אין פ׳ בחקותי און אין אונזער פרשה: דארטן שטייט „ונתתי גשמיכם בעתם״ — די גשמים פון אידן; דא שטייט „ונתתי מטר ארצכם״ — דער מטר פון אייער ארץ: ד.ה. אין פ׳ בחקותי בענטשט מען די אידן מיט גשמים, און דא בענטשט מען דעם ארץ (און ערשט דורכדעם — קומט עס אן צו די בעה״ב פון דעם ארץ, אידן).

דאס איז אויך דער טעם החילוק צווישן דעם סוג הברכות אין פ׳ בחקותי (העכער פון טבע) און אין אונזער פרשה (עפ״י טבע): אין פ׳ בחקותי, וויבאלד די ברכה איז צו אידן, איז זי ניט באגרעניצט אין גדרי הטבע. ער ווערט געבענטשט לויט זיינע באדערפעניש, אויך ווען דאס איז ניט „אויסגעהאלטן״ לויט די דרכי הטבע;

דאקעגן אין אונזער פרשה, וואו די ברכה איז צום ארץ, איז זי דעריבער לויט׳ן ארץ, וואס ענינה איז דאך טבע וע״ד מש״נ[13]: עוד כל ימי הארץ זרע גו׳ לא ישבותו — אבער ניט אין אן אופן פון למעלה מהטבע[14].

10) בתענית (כג, רע״א): בלילי רביעית ובלילי שבתות (וברש״י ישן בחקותי שם: בלילי רביעית). וראה בארוכה מפרשי רש״י שם. ואכ״מ.

11) ובפרט, שבדרז״ל (נסמן לעיל הערה 7) עה״פ דפ׳ בחקותי הובאו ב׳ הפירושים (בלילות, בלילי שבתות), ובספרי עה״פ דפרשתנו רק הפירוש דלילי שבתות!

12) ובדרז״ל כאן ודפ׳ בחקותי לא הובאו לשונות הנ״ל (התוכן), רק הזמן — „בלילי שבתות״.

13) נח ח, כב.

14) וזה שפירש רש״י עה״פ (פרשתנו שם, טו) „ונתתי עשב בשדך, שתהי׳ גוזז תבואתך כו׳ ואינה פוחתת מדגנה״ — (א) אי״ז שלא בגדר הטבע כ„אילני סרק כו׳״, (ב) כותב כן רק בפירוש הב׳; וגם בפירושו עה״פ (פרשתנו שם) „ואכלת ושבעת״ כותב רק „ברכה מצוי׳ בפת בתוך המעים״, דלא כבפ׳ בחקותי שמפרש ומפרט „אוכל קימעה והוא מתברך

ד. און די סיבה צום חילוק צווישן די ברכות פון פ' בחקותי און אונזער פרשה — באווארנט רש"י אין זיין פירוש אויף „ונתתי מטר ארצכם"[15] — „עשיתם מה שעליכם אף אני אעשה מה שעלי":

דאס וואס דא איז די ברכה בשייכות צו ארץ (ועניננה — טבע), איז ווייל דא האבן אידן געטאן נאר „מה שעליכם" — דאס וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף אייך, דאס וואס מ'איז מחוייב צו טאן, אבער ניט מער פון דעם: און דעריבער איז „אף אני" דער אויבערשטער — אעשה (מדה כנגד מדה) נאר „מה שעלי": טאקע א ברכה, אבער נאר ווי ס'איז אויסגעהאלטן אין דרכי הטבע, ניט מער פון דעם[16].

משא"כ אין פ' בחקותי ווערן די ברכות צוגעזאגט אלס שכר אויף דעם וואס אידן וועלן זיך פירן אין אן אופן פון „בחקותי תלכו גו'", וואס מיינט (ווי רש"י טייטשט עס אפ) „שתהיו עמלים בתורה": ניט סתם לערנען וויפל מ'איז מחוייב, נאר „עמלים בתורה" מער ווי ס'איז די מצוה פון ת"ת[17] — דעריבער איז אויך די ברכה פון אויבערשטן (ניט נאר „מה שעלי", נאר) העכער פון טבע.

ה. לכאורה קען מען דערויף פרעגן: אויפן פסוק (אין פ' תבא[18]) „השקיפה ממעון קדשך" טייטשט רש"י: „עשינו מה שגזרת עלינו עשה אתה מה שעליך לעשות שאמרת אם בחקותי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם" —

ד.ה. אז „ונתתי גשמיכם בעתם"[19] — העכער פאר טבע — איז דער שכר אויף „עשינו מה שגזרת עלינו" (וואס איז, לכאורה, דער זעלבער ענין ווי „עשיתם מה שעליכם", וואס רש"י זאגט דא בפ' עקב)?

באווארנט עס רש"י אין דעם פירוש גופא דורך דעם שינוי־הוספה בלשונו: ער זאגט ניט „עשינו מה שעלינו" (ווי ער זאגט בפ' עקב), נאר „עשינו מה שגזרת עלינו"; ד.ה. דער שכר איז ניט אויפן קיום המצות — עשינו — באופן ווי מ'איז מקיים מצות פון דעם סוג פון משפטים און עדות וואס דער מענטש־לעכער שכל פארשטייט זיי און איז מסכים צו זיי[20], נאר אויפן קיום באופן ווי מען איז מקיים חוקים און גזירות, וואס מ'איז מקיים דורך מבטל זיין דעם אייגענעם שכל — בלשון רש"י[21] (אז מ'טוט זיי נאר דערפאר וואס) „גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחרי".

---

במעיו", כנ"ל הערה 6 (אבל ראה רא"ם פרשתנו שם).

ולהעיר מרמב"ן פרשתנו (שם, יג) „לא יעשה הנסים תמיד לתת מטר הארץ בכל עת יורה ומלקוש וכו'". אבל י"ל שקורא הנ"ל נס רק בערך ההנהגה הרגילה עפ"י טבע, ובלשון הרמב"ן שם „כדרך מנהגו של עולם" (אבל בערך הברכה ד„אילני סרק וכו'" — שזהו היפך הטבע — הוא ענין שבטבע).

15) ומתורץ עפ"ז למה מעתיק רש"י גם תיבות אלו מן הכתוב (ראה לעיל הערה 3).

16) להעיר מפרש"י פרשתנו עה"פ (שם, כג) „והוריש ה', עשיתם מה שעליכם אף אני אעשה מה שעלי" [ובר"אם שם: מפני שעשיתם את כל מצותיו מאהבה .. ונדמיתם לו בכל מדותיו .. ולפיכך הוצרכתי להטפל אני בעצמי להוריש הגוים כו']. ואכ"מ.

17) ראה בארוכה לקו"ש חי"ז ע' 314 ואילך.

18) כו, טו.

19) ובפרט שבמקור פרש"י זה (ספרי עה"פ. מע"ש פ"ה מי"ג) ליתא הסיום „שאמרת אם בחקותי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם" (רק — „מה שהבטחתנו השקיפה .. בטל ובמטר").

20) ראה פרש"י תולדות כו, ה. אחרי יח, ד. ועוד.

21) ר"פ חקת. וראה פרש"י במקומות שבהערה הקודמת.

און וויבאַלד אַז דער קיום פון די מצות איז דורך די כוחות וואָס זיינען העכער פון שכל (און טבע) האדם[22], דעריבער איז אויך דער שכר אויף די מצוות אין אַן אופן פון „ונתתי גשמיכם (אייערע, ווי איר פירט זיך אויף) בעתם" — אַ ברכה וואָס איז העכער פון טבע, כנ"ל.

ו. דער חילוק כללי הנ"ל צווישן פ' בחקותי און אונזער פרשה, איז אויך דער טעם אויפן אונטערשייד אינעם טייטש „בעתם" („בעתו") אין די צוויי ערטער:

אין פ' בחקותי, וואו די ברכת הגשמים איז (בעיקר) צו די אידן („גשמיכם"), קומען די גשמים לויטן רצון פון אידן — און די בעסטע צייט אויף רעגן פאַר אַ אידן איז ווען ער גייט ניט (בכלל) אין גאַס: דעריבער טייטשט רש"י „בעתם, בשעה שאין דרך בני אדם לצאת כגון בלילי שבתות", הגם אַז ס'זאָל זיין געווינג אַזאַ זמן מועט פון גשמים (נאָר אין די „לילי שבתות") איז למעלה מדרך הטבע.

אָבער אין אונזער פרשה, וואו די ברכה איז (בעיקר) צום ארץ („ארצכם"), לויט די גדרים פון ארץ (טבע כנ"ל, איז דער „בעתו" (אַז דער זמן הגשמים איז צוגעפּאַסט[23]) אויך אין אַן אופן טבעי — „בלילות" סתם, אין אַ סך לילות במשך פון וואָך — ניט בלויז „בלילי שבתות", וואָס אַז דאָס זאָל זיין געווינג איז אַן ענין נסי.

ז. דער חילוק הנ"ל איז אויך פאַרבונדן מיטן טייטש פון וואָרט „(מטר ארצכם) בעתו" און „(גשמיכם) בעתם", וואָס מיינט, אַז דאָס איז די צייט וואָס איז צוגעטיילט אויסשליסלעך פאַרן רעגן — ס'איז דער זמן ווען נאָר דער רעגן אַליין „גייט", און ניט עמעצער אַנדערש[24] — אָבער אין דעם קען זיין צוויי אופנים:

א) ווען די ברכה איז צו אידן איז אויך דער „בעתם" פון רעגן אָפּהענגיק פון אידן בכלל, בכל עניניהם: ווען איז דער „בעתם" פון רעגן, וואָס נאָר ער איז בחוץ — „בשעה שאין דרך בני אדם לצאת (בכלל) כגון בלילי שבתות".

[און דערפאַר זאָגט ניט רש"י „(פריער) בלילי שבתות (און דערנאָך) בשעה שאין דרך בנ"א לצאת" (ע"ד ווי ער זאָגט בפ' עקב) — ווייל דער טייטש פון „בעתם" איז „בשעה שאין דרך בנ"א לצאת", ובמילא איז דאָן דער „בעתם" פון רעגן; און ערשט דערנאָך זאָגט רש"י אַ דוגמא אויף אַזאַ זמן — „כגון בלילי שבתות"].

ב) ווען די ברכה איז צום ארץ, „מטר ארצכם בעתו" (בפרשתנו), דעמאָלט איז אויך די שייכות צו אידן — ווי אידן זיינען פאַרבונדן מיט (באַרבעטן דעם) ארץ, בעתו — ווען קיינער טוט ניט קיין אַרבעט אין פעלד; און דעריבער טייטשט רש"י, אַז „בעתו" פון דעם „מטר ארצכם" איז „בלילות", ווען מ'אַרבעט ניט אין פעלד.

אין וואָס באַשטייט די ברכה פאַר „ארצכם" ווען דער מטר גייט נאָר „בלילות" — זאָגט רש"י, אַז עס איז טאַקע ניט אַ ברכה פאַר דעם ארץ, נאָר „שלא יטריחו אתכם": ס'איז גוט פאַר די אידן וואָס אַרבעטן אין די פעלדער

22) ולהעיר ג"כ שהענין ד„עמלים בתורה" רמוז הכתוב בלשון „בחקותי תלכו". וראה בארוכה עפ"י פנימיות הענינים — לקו"ש שם ע' 318 ואילך. לקו"ש ח"ג פ' בחוקותי.

23) ראה רא"ם כאן ופ' בחקותי שם. ועוד.

24) קרבן אהרן לתו"כ בחקותי שם. נעתק ג"כ בצידה לדרך לפרש"י בחקותי שם.

(וואס דאס איז ווען ס'איז ליכטיג, בייטאג — וכמש"נ[25] ויבוא יעקב מן השדה בערב), וועלכע וועלן ניט האבן די טירחא צו ארבעטן אינעם רעגן.

ח. רש"י קען זיך אבער ניט באגנוגענען מיטן פירוש „בלילות" — ווייל:

א) פארוואס זאגט דער פסוק „בעתו" און מיינט „בלילות" — עס האט געקענט שטיין קלאר „בלילות"[25*] (ניט מער ווי אייןווארט, פונקט ווי „בעתו")?

ב) דער ווארט „בעתו" איז ניט גלאטיק, ווייל די משמעות פון „בעתו", זיין (דעם רעגנס) אויסשליסלעכע צייט בכלל — ניט נאר בנוגע דעם (בעארבעטן פון) ארץ; ובפרט אז די ברכה „בעתו" איז ניט טובת הארץ, נאר צוליב דעם (וואס עס פארשפארט טרחא פון דעם) אידן, כנ"ל—

דעריבער ברענגט רש"י א צווייטן פירוש „ד"א בעתו בלילי שבתות שהכל מצויין בבתיהם"; און רש"י איז מעתיק דעם ווארט „בעתו" אין זיין פירוש — ווייל דער יתרון פון צווייטן פירוש אויפן ערשטן באשטייט אין דער משמעות פון ווארט „בעתו", כנ"ל.

פונדעסטוועגן איז דער פירוש „בלילות" (סתם) דער פירוש הראשון והעיקרי, וויבאלד אז דאס איז מתאים מיט כללות תוכן הענין, כנ"ל.

ט. לויט דעם ביאור החילוק הנ"ל צווישן פ' בחקותי און אונזער פרשה — קומט אויס אז ס'איז פאראן אין דעם נאך א חילוק:

דארטן רעדט זיך וועגן דעם שכר וואס עס באקומען די וואס זיינען „עמלים בתורה"[26], א סוג מיוחד פון אידן; דאקעגן בפרשתנו, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם שכר דערפאר וואס „עשיתם מה שעליכם" (קיום התורה והמצוות בכלל) — איז דאס כולל אלע אידן.

און עפ"ז ווערן נתבאר די שינויי הלשונות אין פירוש רש"י:

(א) דא זאגט רש"י „שהכל מצויין בבתיהם" — אלע אידן; אין פ' בחקותי זאגט רש"י „בשעה שאין דרך בני אדם כו'" און זאגט ניט „כל", וויבאלד דארט רעדט זיך נאר וועגן די עמלים בתורה.

(ב) דא זאגט ער „(שהכל) מצויין בבתיהם" (און ניט בלשון שלילה: אין דרך כו'), ווייל מ'קען ניט זאגן אויף אלע אידן אז זיי גייען ניט ארויס בחוץ בלילי שבתות — מען גייט דאווענען, באזוכן וכדומה[27] — ס'איז נאר וואס מען איז „מצוי" (רוב הזמן) „בבתיהם";

משא"כ אין פ' בחקותי, וואו עס רעדט זיך נאר וועגן די וואס זיינען „עמלים בתורה", איז פארשטאנדיק, אז ווען ס'איז „לא תעשה כל מלאכה" טוען זיי ענינם — „עמלים בתורה" און דערפאר זיינען זיי בלילי שבתות (ניט נאר „מצויין בבתיהם", נאר אויך) אין דרכם לצאת[28].

25) ויצא ל, טז.

25*) ראה גם משכיל לדוד כאן (באו"א קצת).

26) היינו הפרט ד„גשמיכם בעתם" (ועוד) — אף שכמה פרטים בהפרשה הם שכר גם על קיום התומ"צ בכלל. וראה ג"כ לקו"ש חי"ז ע' 324 ואילך, בביאור פרש"י עה"פ (בחוקותי שם, ט) „ופניתי אליכם".

27) להעיר משו"ע אדה"ז חאו"ח סרס"ח סי"ג. רמ"א יו"ד סרס"ה סי"ב וט"ז שם (מתרומת הדשן סי' רסט). וראה שו"ע אדה"ז חאו"ח סרע"ה ס"י: שהמשכים בשבת לביהכנ"ס מתפלל שם לאור הנר כו'.

28) אבל גם שם לא כתב „שאין יוצאין" (כלל), כ"א „שאין דרך כו' לצאת" — שהרי הולכים לביהכנ"ס כו'.

[און דערפאר איז רש״י דא ניט מפרש (ווי אין פ׳ בחקותי) דעם ווארט „בעתו״ — „בשעה שהכל מצויין בבתיהם כגון בלילי שבתות״: דאס אליין וואס מ׳איז בלויז „מצויין בבתיהם״ איז ניט דער ריכטיקער „בעתו״ פון דעם מטר, ווארום וויבאלד סוף־סוף גייט מען יע ארויס אויפן גאס, איז עס דער „בעתו״ ניט נאר פון דעם מטר;

משא״כ אין פ׳ בחקותי, וואו עס רעדט זיך וועגן די וואס זיינען „עמלים בתורה״ וואס ביי זיי איז „אין דרך כו׳ לצאת״].

יוד. די הוראה פון דעם אין עבודת ה׳:

דא זעט מען דעם גודל הענין פון עמל ויגיעה דוקא אין תורה ומצוות. עס איז ניט גענוג וואס מען לערנט תורה און מ׳איז מקיים אלע מצוות, נאר עס מוז געטאן ווערן מיט אן עמל ויגיעה, מער ווי די מדידות והגבלות פון זיין טבע, אפילו פון טבע נפש האלקית.

קען אבער א איד טענה׳ן: ער זעט ניט קיין הכרח אין אזא עבודה דוקא — ער איז שוין אין א „ציור״ פון קדושה לומד תורה ומקיים כל המצות — איז וואס איז דער הכרח ברעכן דעם טבע (רגילות) פון זיין נפש האלקית?

אויף דעם ענטפערט מען אים, אז עס דארף זיין „עשינו מה שגזרת עלינו״: אזוי האט דער אויבערשטער גוזר געווען אז א איד זאל משנה זיין זיין טבע, און דוקא דורך דעם (די עבודה פון „בכל מאדך״) איז מען „עושין רצונו של מקום״[29].

אויב עס פעלט דער „בכל מאדך״, איז ניט נאר וואס מ׳קען ניט זיין זיכער מיט דער עבודה און מ׳מוז האבן די באווארעניש „השמרו לכם פן יפתה גו׳״[30] — נאר נאכמער: עבודה אן שינוי טבעו ווערט אנגערופן „לא עבדו״[31], „אין ישראל עושין רצונו של מקום״[29].

און דורך דער עבודה אין אן אופן פון „בכל מאדך״, ברענגט דאס אראפ די השפעה מלמעלה אויך אן מדידות והגבלות, ביז אין דעם אופן ווי ער זאגט בפ׳ תבא דארט „השקיפה ממעון קדשך גו׳״ — אז אפילו א זאך וואס בכל המקרא איז עס היפך פון ברכה, ווערט נתהפך אין א „(לשון) ברכה״[32].

(משיחות ש״פ עקב, וש״פ ראה תשל״ד)

---

29) ברכות לה, ב. חדא״ג מהרש״א שם. אור״ת להה״מ פ׳ עקב נג, ד. וראה בארוכה לקו״ש חי״ב ע׳ 98 ואילך, וש״נ.

30) פרשתנו יא, טז. וראה פרש״י שם [משא״כ בפ׳ בחקותי שלא נאמר „השמרו גו׳״* — אף שגם שם (כו, ה) נאמר „לשובע״].

31) ראה חגיגה ט, ב. תניא פט״ו.

32) ירושלמי מע״ש בסופה. הובא בפרש״י וירא יח, טז (בשינוי לשון).

---

*) ואינו דומה למש״נ אח״כ (כו, יד) „ואם לא תשמעו גו׳״. ופשוט.

# עקב ה

**א. צוזאמען מיטן ציווי אויף מצות מזוזה (בפרשתנו[1] „וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך", זאגט אן די תורה (גלייך נאכדעם[2]) אויך דעם שכר המצוה: „למען ירבו ימיכם וימי בניכם גו'"; און ווי עס ווערט אראפגעבראכט אלס א פסק־דין אין שו"ע[3]: „כל הזהיר בה יאריכו ימיו וימי בניו וכו'"[4].**

**אין דעם ענין הודעת השכר גלייכט זיך אויס מצות מזוזה מיט נאך געוויסע מצות וואס די תורה גיט צו וויסן בפירוש זייער שכר (ווי כיבוד או"א[5], וכיו"ב[6]); מ'געפינט אבער אין מצות מזוזה אן ענין נוסף וואס מען געפינט ניט ביי אנדערע מצות:**

**חז"ל[7] זאגן — און דער טור[3] ברענגט עס אראפ — אז דורך דעם וואס מ'איז קובע א מזוזה אויפן פתח הבית, היט דער אויבערשטער דעם בית („מלך בו"ד מבפנים ועבדיו שומרין אותו מבחוץ ואתם ישנין על מטתכם והקב"ה שומר אתכם מבחוץ"[8]);**

**וואס אט די שמירה, וואס ווערט אויפגעטאן דורך מצות מזוזה, איז ניט אן ענין פון שכר מצוה, נאר דאס איז (ווי דער ב"ח[9] איז מסביר) א „הנאה וריוח מגוף המצוה עצמה .. נוסף לו על השכר כו'". און דערמיט איז דער ב"ח מסביר דאס וואס דער טור שרייבט אז די שמירה דורך דער מזוזה איז „גדולה מזה" — „גרעסער" פון דעם שכר „למען ירבו וגו'"[10] — ווייל דאס איז א הנאה „מגוף המצוה עצמה".**

1) יא, כ.

2) שם, כא.

3) יו"ד סרפ"ה. ובטור שם מוסיף „שהבית נשמר על ידה" ומפרש בב"י (בפי' הראשון*) ש„הוא נס נגלה".

4) שבת לב, ב. וצע"ק מאי קמ"ל השו"ך.

5) יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז.

6) וראה ספרי כאן (פסוק יט. הובא ברש"י), וכן לחד מ"ד שבת שם — ד„למען ירבו גו'" קאי גם על ת"ת.

7) ע"ז יא, א. מנחות לג, רע"ב. וראה ירושלמי פאה פ"א ה"א (הובא לקמן בפנים ס"ו). זח"ב לו, רע"א. זח"ג רסג, ב. רסו, א. ועוד.

8) לשון הטור שם.

9) לטור יו"ד שם.

10) וראה עוד ביאורים במ"ש בטור „גדולה מזה" — בב"י שם. פרישה שם. ט"ז שם. ועוד.

*) וגם לפי' השני כן הוא, אלא שאין זה מספיק לבאר שעי"ז תהי' „גדולה מזה" בעיני האדם.

*) בלקוטי לוי"צ לזהר שם (ע' נט) מפרש מ"ש בזהר („כתוב שמי ושוי לפתחך") ד„קאי על השם שד"י שבחוץ המזוזה שהוא השומר, ר"ת שומר דלתות ישראל". אבל בנצו"א שם (מרמ"ז שם) מפרש דקאי על כללות המזוזה שעולה שם אדנ"י. וגם בלקוטי לוי"צ שם כ' ד(רק) „**יותר** קרוב לפרש" דקאי על שד"י (כי „לפירושו (דהנצו"א) ששמי קאי על המזוזה גימט' אד', הרי תיבת מזוזה וכן שם אד' אין נכתב במזוזה ואיך אמר כתוב שמי"), אבל אינו שולל פירוש הנצו"א.

וי"ל דיש יתרון גם בפי' הנצו"א, כי מפשטות לשון הזהר „כתוב שמי ושוי לפתחך" משמע, דקאי (לא רק) על ענין **פרטי** במזוזה (שד"י, או אפילו „והי' שמבפנים ושד"י שמחוץ שביחד גימט' שם" — לקולוי"צ שם. ומסיים ד„שוב מצאתי כן ברמ"ז" — כ"א) על כללות ענין המזוזה.

ויש לקשר זה **דכללות** ענין המזוזה הו"ע ד„כתוב **שמי**" (ועי"ז „אנא כו' לנטרא לך") — עם המבואר בסידור (רעה, ב ואילך) דמזוזה כוללת כל המצות ושקולה כנגד כל המצות, כי היא בחי' או"מ כללי שלכן היא שומר כללי לשמור כל אשר לאדם כו' — וע"פ הידוע (לקו"ת בהר מא, רע"ג. דרמ"צ קנב, ב. ד"ה אתה אחד תש"ב פ"ב. ועוד) דמה שנקרא **„שם"** בלשון המקרא נקרא אור בלשון הזהר והמקובלים, ואור הרי אין בו התחלקות (כי זה נעשה ע"י הכלים).